
בס"ד
MENDY
HERSHKOWITZ
PRESENTS
יודי ביאלוסטוצקי

# BARUCH HASHEM

If you are reading this, it proves that dreams come true.

This album is the fulfillment of a life's dream.

As a little child, and as a bucher in Yeshiva I was singing, composing and sharing music.

I didn't yet see an audience, but I knew you were there, preparing the album I hoped, davened and believed would be a reality one day.

One day is here, Boruch Hashem, and here we are featuring 12 new songs of which I am so proud.

The melodies that filled my mind and heart were classic Jewish music - old Yiddish songs passed down from earlier generations, and chassidishe niggunim that elevate a tish, undertones of the great chazzanim and the spirited songs we heard at chasunos.

These sounds fused in my mind: they formed a soundtrack that motivated and encouraged me, lifting me when I was down, giving expression to my tefillos and gratitude.

They were the backdrop to these songs. Each song is personal, not just in tune, but in message, and I hope that the songs will resonate with you and mean as much to you as they do to me.

Over the past few years, the Ribbono shel Olam allowed me the zechus of singing at yiddishe simchos. It is not a merit I take lightly, and I am grateful for the Shlichus with which He entrusted me, to be part of those auspicious first moments of a Yiddishe home, and appreciative to all of you who have allowed me this privilege. May we continue to share happy moments until that moment of ultimate happiness, with the ביאת גואל.

*Yidi*





# SPECIAL THANKS

### TO MY EISHES CHAYIL עמו"ש

שלי ושלכם שלה היא. בזכות דיין שטיצע פארליר איך נישט די "התרגשות" ווייטער צו גיין

### MY DAUGHTER GOLDY תחי'

די אלבום האב איך געמאכט פאר דיר. דו ביסט מיין "שמייכל"

להורי היקרים שתמיד תומכים בי ובכל הילדים שלהם. ממכם אני לומד מה זה "בני אהובי". הכל בזכותכם

### MY DAUGHTER SHOSHANA תחי'

דו ביסט געקומען ביום "שישי" פונקט אין צייט און אריינגעכאפט! איך הייב אהן שרייבן נייע ניגונים פאר דיר.

My siblings and siblings in-law.

"למען אחי ורעי.... אבקשה טוב לך"

Thanks for always wanting the best for me.

מיין חשובע שווער און שוויגער ומשפחתם

איר זענט א מוסטער פון "קרבת אלוקים"

### MENDY HERSHKOWITZ

When I approached you with my compositions they were a big "chulent".

With the ear of a master, you wove and fashioned an album, teaching me so much along the way. Your magic touch has elevated Jewish music and I consider myself fortunate to have worked with you. Thank you for believing in me.

### מיי בראדער יענקי שטיינמץ

You opened my ear and taught me to .hear things that I didnt know existed

You are one of a kind, but wait - you already know that. So just keep on pushing for more, because you, more than anyone, knows that our "חלומות" will turn into reality.

#MogulLife

### BINYUMIN YOEL SCHLESINGER

Your dedication to this project is noteworthy.

Your time, heart, soul and musical talent are all over this album. If not for you I'd end up like Pharaoh in "Pajamele" in middle of the night....

### EPHRAIM BERKOWITZ

I really appreciate the hours you invested to

make this album a success. I brought all my issues "נאר צו דיר" because you are great at what you do.

### NACHMAN ROSENBLUM & THE NR MANAGEMENT TEAM:

for doing everything for my "פרנסה" so I can focus on creating Music.

### GOOD FRIENDS

"כולם כאיש אחד" who supported me along this journey by listening, criticizing and complimenting

Motty Ilowitz, for you I'll write in your language

**מ**בין ומתבונן, מ**א**זין ומאזן,
**ט**עויות מתקן, **י**שר כח, חן חן!

Yoely Brown, Aba Berkowitz, Avrumi Berko, Hershy Langsam, Duvid Ungarisher, Yoel Hersh Fuchs, Mendy Panski, Chaim Braun, Avrumi Menzer, Hershy Weinberger, Yisroel Besser, Leiby Fasten, Avremi Klien, Levy Falkowitz, Berish Hershkowitz, Osniel Rozen and the Cringers.

Thank you to the people who believed in me first.

### משפחות שפארן, דויטש, ווייס

Thanks to all of the Musicians, Bands, Singers, Choirs, Event Planners, Engineers & Sound People whom I work with.

I'm lucky to be a part of such an amazing industry, where there is so much מידות טובות & פארגינען.

This section is for people who don't want a public thank you:

**SRULY WOLNER**

# CREDITS

**COMPOSITIONS AND LYRICS**
Yidi Bialostozky

**PRODUCED BY**
Mendy Hershkowitz

**MUSIC RECORDED**
Sonic Duo
Yanky Steinmetz - Music Producer
Binyumin Schlesinger - Project Manager
Ephraim Berkowitz - Engineer
Shloimy Folger - Engineer

**CHOIRS RECORDED**
Shevach Studios
Dididum Studios
Edgeware Studios

**MIXED & MASTERED**
Sonic Duo

**DESIGN & MARKETING**
Pivot Group

---

**FOR BOOKINGS CONTACT**
908-783-3763

# בנים למקום

## BUNIM LAMUKOIM

**FT. AVRUMI BERKO & ARI SAMET**

בנים בנים בנים בנים למקום
חביבין ישראל אוי אוי בנים למקום
בנים בנים בנים בנים למקום
חביבין ישראל אוי אוי בנים למקום

כולם כולם כאיש אחד
כולם כולם, קינדערלעך פון גאט

חביבין חביבין ישראל
שנקראו בנים למקום

כולם כולם כאיש אחד
כולם כולם קינדערלעך פון גאט
חביבין חביבין ישראל
שנקראו בנים בנים למקום

Music Produced by: Avrumi Berko
Choir by: Yedidim Choir

מוזיקה: אברומי ברקו
מקהלות: יואל הערש פוקס - ידידים
אורחים: ארי סאמעט, אברומי ברקו

אלעס וואס איך האב צו זאגן אויף דעם ניגון זאגט שוין ארי.... אבער קרעדיט מוז מען געבן. די ווערטער זענען געלעגן ביי מיר א תקופה אבער קיין תנועה איז מיר נישט געלונגען. ווייז איך עס פאר מאטי ברייער. מאטי עפנט אויף דאס מויל און מאכט זיין באקאנטע האנט מאשענ"ס...."בנים בנים בנים בנים למקום". פון דארט און ווייטער איז אלעס געגאנגען. ישר כח מאטי!

# קרבת אלוקים

## KIRVAS ELOKIM

למה למה למה למה ה׳
למה למה למה למה למה ה׳
פארוואס פארוואס תעמוד מרחוק

קרבת אלוקים, בעהט דיך כלל ישראל
קרבת אלוקים, מער ווי אלעמאל
בניך צועקים, איך תשתוק
למה למה תעמוד מרחוק

מוזיקה: יענקי שטיינמעץ
מקהלות: יואל הערש פוקס - ידידים

Music Produced by: Yanky Steinmetz
Choir by: Yedidim Choir

# אנא אלך

## UNU EILECH

אם אסק שמים שם אתה ואציעה שאול הנך
אם אסק שמים שם אתה ואציעה שאול הנך

אנא אלך מרוחך אנא אברח מפניך
אין לי מנוס בלתך

נאר צו דיר נאר צו דיר
נאר צו דיר לויפן מיר

מוזיקה: מנדי הרשקוביץ
מקהלות: יואלי הורוויץ - שירה

Music produced by: Mendy Hershkowitz
Choir by: The Shira Choir

# למען אחי

## LEMAAN ACHAI

ה׳ ה׳ עוז לעמו יתן ה׳ יברך יברך את עמו בשלום
ה׳ ה׳ עוז לעמו יתן ה׳ יברך יברך את עמו בשלום

למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך
למען בית ה׳ אלוקינו אבקשה טוב לך
למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך
שלום בך, טוב לך, ליבשאפט נאך און נאך

מוזיקה: יענקי שטיינמעץ ומנדי הרשקוביץ
מקהלות: נותי לאנדוי - תנועה

Music Produced by: Yanky Steinmetz & Mendy Hershkowitz
Choir by: Tnuah Choir

This song is dedicated to my brothers Sruly, Shmuli, Menachem, My Shvuger Avrum, Shloime, & My sisters עמו"ש. The שלום we have is what inspired this song. I love you all.

# פרנסה

## PARNASSAH



יהי רצון מלפניך ה׳ אלוקי ואלוקי אבותי
שתהיה קרוב לי בקראי לך ותשמע תפלתי
ותתן לי ולכל נפשות ביתי מזונותינו
ופרנסתנו ברווח ולא בצמצום

פרנסה גרינגערהייט
ברווח, א ברייטקייט
בנחת ולא בצער,
געזונטערהייט

---

Arranged & choirs by: Yoely Dikman

עיבודים ומקהלות: יואלי דיקמן

יעדער איד בעהט אויף פרנסה. איך האב ליב צו
דאווענען מיט א ניגון, דאס איז מיין בקשה



# שישי

## SHISHI

אין ביאליסטוק איז יום טוב אין די גאסן,
מקבל פנים זיין דעם רבי'ן אין די מאסן,
יעדער ארבעט שווער צו צופאסן,
די וואגן פארט אריין אין שטאט געלאסן.

די רבי קומט אריין מיט זיין חסידים,
עס נעמען אים אויף די שטאט'ס גרעסטע נגידים,
ביי יעדער איז דאך ששון ליהודים,
די גבאי טראכט שוין פון די כיבודים.

אין אזוי גייט די שקלא וטריא,
קבלת קהל אין שטוב פון ר' שמרי',
די אכסני' וועט זיין ביי ר' זכרי'
מלוה מלכה? פיין ביי מיר ביי יהודה ארי'
די הכנות אויף אן אופן א ברייטן,
די שמש טוט די בית מדרש אנגרייטן,
דער עולם קומט פון אלע זייטן,

דעם רבי'ן צום בית מדרש באגלייטן.

שבת אינדערפרי, ר' זרח די חזן גייט צו,
ער האט די זכיה, צו צוגיין צום ברעטל,
מיט די קאפעליע ארום ער,
ציהט מיט זיין הויעכן שטומער,
ער איז דאך די בעסטע בעל תפילה אין די גאנצע שטעטל.

ר' אנשיל איז אנגעצויגן, ער מוז דאך אייביג טויגן,
ער מוז קויפן שישי פאר דעם גרויסן גאסט,
ער ווינקט די גבאי מיט די אויגן, ער ווארנט אים אן כהוגן,
ער מוז מכבד זיין דעם גרויסן רבי'ן ווי עס פאסט.

ר' אשר ווייסט שוין וואס וועט דא ווערן,
יעדער וועט פון אים נאך הערן,
ער איז גרייט די גאנצע שטאט איבערקערן,
ווייל שישי טוט צו אים געהערן.

ר' אנשיל זעהט שוין די גאנצע בראך,
ער וועט האבן אין טאש א גרויסע לאך,

ער וועט צוזאגן געלטער נאך און נאך,
ווייל ער קויפט שישי יעדע וואך.

די גבאי קלאפט אויפ'ן בימה,
אין שוהל א רעש א מהומה,
ער גייט פארקויפן שישי, ער קוקט זיך ארום,
ר' אנשיל טוט דאס זעהן, ער גיבט א זאג צען,
צען רובל שישי, א מכובד'גען סכום!

די גבאי שטייט און וואונדערט, ר' ברוך זאגט א הונדערט,
הונדערט רובל שישי, נאכאמאל ג'הייבט,
ר' אשר שטייט אויף מיט א חיות, ער ווייזט מיט'ן האנט פינף מאות!
פינף הונדערט שישי ווער וואלט נאר געגלייבט!

ר' אשר אטעמט שווער, א טויזנטער זאגט ר' בער,
ר' אשר הייבט אויף הענט, נע נע, ס'צופיהל געלט,
ר' אנשיל שטעלט זיך אויף, ער ציהט די פרייז ארויף,
צוויי טויזנט שישי, אבער ר' הענדל האט זיך געשטעלט.

דריי טויזנט זאגט ר׳ הענדל, א שותפות מיט ר׳ מענדל,
מ׳וועט מאכן א מי שברך פאר׳ן רבי׳ן, אזא זכיה,
דער ראש הקהל ר׳ גדלי׳, שרייט איבער די גאנצע פמליה,
פינף טויזנט שישי!
צום ערשטן מאל, צום צווייטן מאל, צום דריטן מאל, זכה לו!
דעם רבי׳נס עליה!

אין די שטעטל גייען ארום שווין די שמועות,
אין עזרת נשים קומט אן די ידיעות,
מ׳האט נאך נישט געהערט אזא מציאות,
אזויפיהל געלט, באצאלן פאר עליות.

דער ראש הקהל, ער גיבט זיך א לאכ׳ל,
ער פילט זיך גוט, ער קלאפט זיך אויפ׳ן....
ער קוקט צוריק אויף די גאנצער היכל,
אויפ׳ן פנים, א ברייטע שמייכל!

די חזן זאגט אתה הראת, בקול אדיר ונורא,
מקמיה דיקר אוריתיה, מ׳נעמט ארויס די ספר תורה,

כהן, לוי, און שלישי, די ראש הקהל׳ס פנים שיינט,
רביעי, און חמישי, אלע קוקן אויף די מזרח וואנט!

די גבאי מיט א קול א טיפע, און מיט א תנועה׳לע א שיינע,
הייבט אהן אויף צו רופן יעמוד מורינו ורבינו,
ער גייט אראפ פונעם בימה שווין, צום רבי׳ן טוט ער צוגיין,
אבער די רבי זאגט אים,
״ איך בין א כהן״ איר קען נישט עולה זיין!



די ניגון איז געשריבן געווארן ביי די זיבעצן יאר אין
ישיבה ווען $5,000 איז נאך געווען אסאך געלט...

Arranged by: Avreimi G
Choir by: Yedidim Choir

עיבודים: אברמי גורארי
מקהלות: יואל הערש פוקס - ידידים

די מעשה איז נאר א משל וואס איך האב געשריבן
אבער עס איז גאר מעגליך ס׳איז געשען.
איך האב בדווקא נישט געשריבן קיין מוסר השכל
אין דעם לידל ווייל ווען מ׳בלייבט שטעקן איז עס
שוין דערנאך. די חכמה איז זיך אויף-צו-וועקן בשעת
מען פארקויפט די עליות. נישט ווען מ׳רופט שוין
אויס שישי....

# בני אהובי

## BUNEI AHUVEI

טייערע אידעלעך,
הערט אייך צו א שטיקל תנא דבי אליהו
וכך אמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל,
בני אהובי, מיין טייערע ליבע קינדערלעך,
בני בני אהובי,

כלום חסרתי דבר שאבקש מכם, ומה אני
מבקש מכם
אלא שתהיו אוהבין זה את זה, ותהיו מכבדין
זה את זה ותהיו יראים זה מזה ולא ימצא
בכם עבירה
לכך נאמר
הגיד לך אדם מה טוב ומה השם דורש ממך
כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת
עם אלוקיך

עיבודים: ליב יעקב ריגלר
מקהלות: יואלי הורוויץ - שירה

Arranged by: Leib Yakov Rigler
Choir by: The Shira Choir

# שמייכל

# SHMEICHEL

FT. YITZY WALDNER

---

הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות מיט א שמייכל
הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות מיט א שמייכל

אם אתה משמח את שלי משמח את שלי גיב א שמייכל פאר א צווייט'ן איד
אני אני משמח את שלך גיב איך דיר א שמייכל כל ימי חייך.

---

לחן: איצי וולדנר ויודי
מוזיקה: יענקי שטיינמעץ
קולות רקע: איצי וולדנר

Composed by: Yitzy Waldner & Yidi
Music Produced by: Yanky Steinmetz
Backup Vocals by: Yitzy Waldner

Yitzy is a Legend, but his humble personality is even more legendary.
I had a basic concept for the song but we felt like it needed something.
We sat down with Yitzy and together we made the song smile...

I'm dedicating this song to all of the organizations who give me the opportunity to be משמח חולי ישראל.
די זכות זאל ענק ביישטיין

# גל עיני

## GAL EINEI

יהי רצון מלפניך ה׳ אלוקי ואלוקי
אבותי שתאיר עיני במאור תורתיך
ותצילני מכל מכשול

גל עיני ואביטה נפלאות מתורתיך

עיבודים: בני לאופר
מקהלות: יוסי גליק
סולן ילד: מושי לאובל

לערנען קומט מיר נישט אן גרינג און די תפילה
איז מיין וועג פון בעהטן. די ניגון איז מוקדש
בהכרת הטוב צו מיינע חברותות שליט״א.

Arranged by: Benny Laufer
Choir by: Yossi Glick
Child Solo: Moishy Lobel
Recorded at MK studios

# טשולנט

## CHULENT

יעדע וואך אין שוהל, נאכן דאוונענען,
יעדער איינער וויל, א קידוש פראוונענען,
מ'ברענגט אריין לעקעך, בראנפן, לחיים ולשלום,
הערינג טשולנט גאלער יאפטשיק, אלע מאכלים,

על כן ברך שרייט די גבאי מיט א גלעזעלע,
אבער פלוצלינג ווערט ער גאר א נערוועזעלע,
ווייל די זעלבע זאך געשעהט יעדע וואך פון פריש
ווען מ'לייגט ארויס די עסן אויפן טיש,

פונדערווייטנס זעהט ער די באקאנטע שנארער פישל,
זיצט ווי א מחותן ביים אויבן-אן טישל,
ער גיסט זיך אן א גאנצע פלעשל יין מבושל,
א גאנצע טאץ קאקאש קעיק גיבט ער א פארווישל.

דריי גאנצע הערינג פיש מיט אויל און צוויבל,
א פול'ע טאפ טשולנט, עסט ער אהן קיין איבל,
אויף גריוועלעך און קישקע איז ער א מסוגל,
און גרינגערהייט ענדיגט ער די איבעריגע קוגל.

די ועד בית מדרש זעצט זיך רעדן מיטן ראש הקהל

וויאזוי מאכט מען זיכער ס'געשעהט נישט נאכאמאל
פישל עסט אויף אלעס ער ליידיגט אויס די כלי,
און עס קאסט אויך די בעל שמחה א מטבייע'לע.

אונז מוז-מיר פטור ווערן פון דעם דאזיגן פארשוין,
דאס מוז זיך שנעל אויפהערן, יעצט, באלד, און שוין.
געזעצן און געטראכט ביז עס פאלט זיי איין,
א גוטע וועג ארויס, א פאנטאסטישן פלאן,



# טשולנט CHULENT

אז ווען פישל וועט די טשולנט און קוגל אויף זוכן,
וועט מען אים אנשטאפן מיט ביליגע קוכן,
מ׳וועט האלטן אין איין ברענגען און אים נישט גיבן קיין ברעיק
טשאקלעט, קאקאש, רעינבאו און ספאנדש קעיק.

די נעקסטע וואך שבת קודש ביי דעם קידוש,
שטייען אלע ווארטן זעהן דעם גרויסן
 חידוש,
פישל זעצט שוין ביי זיין פלאץ גרייט פאר זיין מלאכה
בורא מיני מזונות, שרייט ער אויס א ברכה.

ער הייבט אויף זיינע אויגעלעך צו רעכטס און לינק,

די גבאי גיבט דארט פאר א אינגערמאן׳טשיקל א וואונק,
ער ברענגט אריין נאך א טאץ קאקאש פון די זייט,
און יעדער איינער האפט אז פישל איז שוין זאט.

פישל איז שוין פוהל, ער זיצט איבערגעבויגן,
אבער ווי נאר ער זעהט די טשולנט פון די עק פון זיינע אויגן,
ער הייבט אן צו עסן און דערשרעקט זיך נישט פון קיינער,
קארטאפלעך באנדלעך פלאנקען און אויך... מארעך ביינער.

געוואלד פרעגן אלע, פישל, איך יכול להיות?
ענטפערט פישל איך בין אייך מסביר וויאזוי איך טוה עס!
ער שיילט אויף די ערבל מיט די הענט ער גיבט א ווייז,
ער הייבט אן צו פארציילן מיט גרויס עקסטאז.

ביים רבי׳ן יום טוב זענט עטס דאך אלע געווען,

די זעלבע זאך טוט זיך דארט יעדער קען דאס זען,
די שוהל איז אנגעפאקט מיט מענטשן מ׳קען זיך קוים רירן,
אבער ווען די רבי קומט עפנט מען די טירן,

פלוצלינג איז דא פלאץ אויף אן אופן א ברייטער,
און רוהיגערהייט די רבי דורך גייט ער,
אפילו ווען מ׳שטופט זיך און מ׳כאפט א פלאץ ענדליך
אבער ווען די רבי קומט רוקט מען זיך פארשטענדליך

די זעלבע איז ביי מיר גיבט זיי פישל צו פארשטיין,
אפילו ווען איך בין שוין זאט פון קעיק גאר פיין,

אבער ווען די טשולנט קומט נאר אהער צו גיין,
מאכן די חסידים פלאץ און לאזן אים אריין

מיין ברודער אויב יעדע איד-ער האט ביי דיר חשיבות,
ווי דיין טשולנט, אדער סתם א חביבות,
אויב ער דארף א פלאץ, העלף אים און געדענק,

א איד לאזט מען אריין אפילו ס׳שוין ענג.

מיר זענען אלע ברידער כל ישראל ערבין
מען העלפט זיך אויס און שוהל, אין הויז אין גאס בשעת׳ן דרייוון
נעם אים אריין, א איד׳ן האט מען ליב
 אויב ס׳דא פלאץ אין הארץ איז דא פלאץ אין שטוב!

---

Arranged by: Moshe Jacob
Choir by: Zinger-i by Gershy Schwartz

עיבודים: משה יאקוב
מקהלות: זינגעריי - גרשי שווארץ



11

# ניגון התרגשות

## NIGGUN HISRAGSHIS

**FT. YOELY DAVIDOWITZ**

מוזיקה: יענקי שטיינמעץ
מקהלות: אבא בערקאוויטש - לב
זמר אורח: יואלי דאווידאוויטש

יש פעמים שמילים לא יכולות להביע את הרגשות. השיר הזה מביע רגשי שמחה שאין לי מילים בשבילם.
פיהל מאל פילט מען עפעס אבער ווערטער קענען נישט ארויסדרוקן דעם געפיהל. דעם ניגון ברענגט ארויס א התרגשות פון שמחה וואס איך האב נישט די ווערטער מסביר צו זיין

Music Produced by: Yanky Steinmetz
Choir by: Lev Choir

# פידשאמע׳לה

## PAJAMELEH

אין בוכנוואלד יאר תש״ה,
זענען געווען מיט מיר גערער
חסידים צוויי,
דערציילט מיר דער רב ר׳ ישראל
מאיר שליט״א
ר׳ לייבל פשיגורסקי מיט משה׳לה
זיין זוהן,
פון פיוטריקוב האבן זיי געפירט
אהין,
די דייטשע באנען ווי שאפעלעך
צום שחיטה.

שבת הגדול איז ר׳ לייבל געווארן
שוואך
און די מצב איז געווען עד כדי כך
אז מ׳האט ארויסגעשיקט זיין זוהן
ער זאל נישט צוזעהן זיין טאטנ׳ס
פטירה.
נאכן ליידן יסורים געפערליכע
האט ר׳ לייבל א איד אן ערליכע
צוריקגעגעבן זיין נשמה פארן
גרויסן מנהיג לבירה.

אין בוכנוואלד איז קיין לוויות
נישט דא,
די קרימעטאריום פירט אויף
עולם הבא,
משה׳לה בעהט זיך ביי די אידן
דארט איין רגע, טוטס ענק נישט
יאגן,
קיין לוויה וועט מיין טאטע נישט
האבן,
און מ׳וועט אים לא עלינו נישט
קענען באגראבן,
ברענגטס מיר א סידור׳ל, כאטש
קדיש וועל איך זאגן

זאגן זיי אינגעלע, אין לאגער איז
קיין סידור פארהאן,
מ׳האט אלעס אוועקגענומען פון
אונז אויפן וועג צום באן,
מיר קענען דיר נישט העלפן
בשום אופן,
אבער איינער זאגט אים
שטילערהייט אריין אין אויער

אז וואו מען וואשט די וועש ביים
לאגער׳ס טויער,
דארט קענסטו שאפן א סידור,
אבער שנעל, דו מוזט לויפן.

דארט ארבעט אן אלטער איד
ר׳ סנדר
וואס איז געקומען מיט די
ערשטע טראנספארט פון די
דייטשלענדער
ער האט אריינגעשמאגלט א
סידור, משה׳לה לויפט אהין,
ער קומט אן און בעהט ר׳ סנדר
דעם ספר,
אבער דער יעקע ענטפערט מיט
א קול א שטייפער,
אינגעלע, א סידור? מאכסט זיך
נאריש? וואס מיינסט ס׳איז א
גערער שטיבל דא?
ער דרייט זיך צוריק צום וואש
מאשין.

ר׳ סנדר די וועש ווייטער ער וואש,
אבער משה׳לה נעמט ארויס א
שטיקל ברויט פון טאש
איך ווייס דו האסט א סידור, איך
בעהט דיך איך וויל עס פון דיר
בארגן
איך ווייס אז שבת קודש טאר מען
טאקע נישט פאסטן,
אבער איך וויל זאגן קדיש אויף
מיין טאטע און אליין איך פסק׳ן
גאט וועט מיר שוין מוחל זיין, דא
האסטו מיין שטיקל ברויט, מיין
עסן פון מארגן.

סנדר זעהט ווי משה׳לה מיינט
עס באמת,


YAD VASHEM
יד ושם
The Holocaust Martyrs' and Heroes' Remembrance Authority

# פידשאמע׳לה PAJAMELEH

איך דארף נישט די ברויט, דא
צוריק נעם עס,
ער לויפט שנעל ארויס, און
ברענגט צוריק א סידור באהאלטן
אונטער אן אלטע שמאטע,
די סידור משה׳לה ביי דיר האלט
איך וועל נישט איבער לעבן איך
בין שוין אלט
נו זאגשע קדיש לעלוי נשמת דיין
טאטע..
אבער איין מינוט ס׳נישט דא
קיין מנין,
אונז זענען נאר צוויי אליין אין די
גאנצע בנין,
מען קען נישט זאגן קדיש צוויי
מענטשן אליין
משה׳לה געט א ווייז אויפן
שטריק,
דארט הענגען פידשאמעס פון
אידן וואס האבן געלעבט ביז
אפאר שעה צוריק
זיי זענען אלע נשמות, הייליג
לויטער און ריין

איין פידשאמעלע א איד פון ורשה
נאך א פידשאמעלא א איד אן
אונגארישע,
פידשאמעלעך פון לאדז, זגערש,
און קליין- ווערדיין,
מיך און דיר צוזאמעלעך

כ׳וועל מצרף זיין אכט
פידשאמעלעך
און זיי וועלן נאכענטפערן אמן!

יתגדל ויתקדש,
זאגט משה׳לה מיט געוויין,
שמיה רבא,
ר׳ סנדר ענטפערט אמן!
ויצמח פרקניה,
משה׳לה גיסט טרערן ים׳עלעך,
ויקרב משיחיה,
עס וויינען מיט די פידשאמעלעך!

בריך הוא לעילא,
אן עליה פאר מיין טאטעס נשמה,
תשבחתא, ונחמתא,
וויאזוי וועל איך האבן א נחמה?
בחייכון וביומיכון,
די נשמות די פלאמעלעך,

ובחיי דכל בית ישראל,
עס לעבן דאך די פידשאמעלעך!

ר׳ משה׳לה פשיגורסקי האט
איבער געלעבט די קריג מיט
וואונדער,
געקומען קיין ישראל מחנך
געווען אידישע קינדער,
א הערליכע משפחה
אויפגעשטעלט,

נאך א לאנגע לעבן פון אויפטוהן
פאר אידישקייט,
בשיבה יפה רוהיגערהייט,
איז ר׳ משה׳לה פשיגורסקי אוועק
פון דער וועלט.

די רב שליט״א האט מספיד
געווען ביי זיין לוויה,
משה׳לה, גיב א קוק ס׳איז א דור
א נייע,
אזוי שיין אויפגעבויט נאכן
מלחמה,
זאגן קדיש מיט דיין קינדער
צוזאם-וועל׳יך
מען דארף נישט מצרף זיין קיין
פידשאמעלעך.
גיי אין גן עדן, ווייל אין הארץ איז
שוין דא א נחמה.

יתגדל ויתקדש,
שטייען זיין קינדער ארום די
מיטה,
שמיה רבא,
גרויס איז זיין נאמען די גוטע,

יהא שלמא רבא,
אין הארץ געפילן ווארעמע׳לעך
וחיים טובים עלינו,
אבער געדענקען וועט מען די
פידשאמעלעך!



זאג איך דיר גרויסער גאט,
מיין פידשאמעלעך, מיין מסירת נפשות,
שטיקלעך פון מיין לעבן,
זיי האבן אלע ממשות,
איך האב זיי פאר דיר געגעבן,
באשעפער מיינע נסיונות מיין צרות,
מיין פריוואטע ענין,
ביי דיר אין קעשענע שפאר עס,
זיי עס מצרף צו מנין

מוזיקה: מנדי הרשקוביץ
מקהלות: יואלי הורוויץ - שירה

Music Produced by: Mendy Hershkowitz
Choir by: The Shira Choir

I personally heard this heartbreaking story from Chief Rabbi Yisroel Meir Lau and it changed my life.
It made me see that the Pajamelech, the memories of the people we lost, are alive.
It is important to keep on telling these stories so the world never forgets, especially now after Simchas Torah 5784, when we tragically saw what humanity is capable of. We are the Pajamelech, and we are alive. עם ישראל חי. I mentioned the names of my grandparents shtetlach as a way of remembering them through my music. I dedicate this song לעילוי נשמתם ה.י.ד.



# שישי

| | | |
|---|---|---|
| בנים למקום | 1 | Bunim Lamukoim |
| קרבת אלוקים | 2 | Kirvas Eloikim |
| אנא אלך | 3 | Unu Eilech |
| למען אחי | 4 | Lemaan Achei |
| פרנסה | 5 | Parnusseh |
| שישי | 6 | Shishi |
| בני אהובי | 7 | Bunei Ahivei |
| שמייכל | 8 | Shmeichel |
| גל עיני | 9 | Gal Einei |
| טשולנט | 10 | Chulent |
| ניגון התרגשות | 11 | Niggun Hisragshis |
| פידשאמע׳לע | 12 | Pajamele |

SONIC DUO